בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת מקץ חנוכה תשפ"ו | שבת ר"ח טבת | גליון 823 [שנה י"ח]

**פרעה האט גערעדט אנדערש צו יוסף ווי צו זיינע קנעכט**

וַיִּיטַב הַדָּבָר בְּעֵינֵי פַרְעֹה וּבְעֵינֵי כָּל עֲבָדָיו: וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה אֶל עֲבָדָיו הֲנִמְצָא כָזֶה אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ אֱלֹקִים בּוֹ: וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה אֶל יוֹסֵף אַחֲרֵי הוֹדִיעַ אֱלֹקִים אוֹתְךָ אֶת כָּל זֹאת אֵין נָבוֹן וְחָכָם כָּמוֹךָ: (מא לז – לט) שטייט וַיִּיטַב הַדָּבָר אז די רייד פון יוסף האט געפעלן פרעה און זיינע קנעכט, איז לכאורה שוועך פארוואס איז געווען צוויי אנדערע אמירות פון פרעה, איינס הֲנִמְצָא כָזֶה אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ אֱלֹקִים בּוֹ: פאר די קנעכט און איינס אַחֲרֵי הוֹדִיעַ אֱלֹקִים אוֹתְךָ פאר יוסף, פארוואס האט פרעה נישט געקענט זאגן איין אמירה פאר זיינע קנעכט און פאר יוסף אַחֲרֵי הוֹדִיעַ אֱלֹקִים אוֹתְךָ אֶת כָּל זֹאת אֵין נָבוֹן וְחָכָם כָּמוֹךָ? נאר לכאורה קען מען מחדש זיין, ווייל פרעה האט זיך געהאלטן פאר א גאט פאר די מצריים אזוי ווי עס שטייט אז דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה ביי די מכות (שמות ז טו) לֵךְ אֶל פַּרְעֹה בַּבֹּקֶר הִנֵּה יֹצֵא הַמַּיְמָה: זאגט רש"י שֶׁהָיָה עוֹשֶׂה עַצְמוֹ אֱלוֹהַ, איז דאס געווען נאר פאר די מצריים, אבער יוסף האט געוואוסט אז פרעה איז נישט קיין גאט, ממילא איז הפלא, פאר די קנעכט האט ער געמוזט זאגן אויף יוסף אז ער איז רוּחַ אֱלֹקִים בּוֹ, האט נאר א גייסט פון גאט און איז א הייליגער מענטש, אבער איך פרעה בין גאט, אבער פאר יוסף האט ער געקענט זאגן אַחֲרֵי "הוֹדִיעַ אֱלֹקִים אוֹתְךָ" אֶת כָּל זֹאת, און מודה געווען אז ער איז נישט קיין גאט, נאר דער אמתע גאט האט דיר דאס מודיע געווען, דעריבער איז געווען צוויי אנדערע אמירות פאר די קנעכט און פאר יוסף. (שמח זבולון תשפ"ו)

**יוסף האט דערגרייכט זיינע ברידער מיט חכמה**

וַיְצַו אֶת אֲשֶׁר עַל בֵּיתוֹ לֵאמֹר מַלֵּא אֶת אַמְתְּחֹת הָאֲנָשִׁים אֹכֶל כַּאֲשֶׁר יוּכְלוּן שְׂאֵת וְשִׂים כֶּסֶף אִישׁ בְּפִי אַמְתַּחְתּוֹ: (מד א) עס איז דא א אינטערעסאנטע דיוק, פארוואס האט יוסף ביי די צווייטע מאל וואס ער האט געשיקט די ברידער האט ער געהייסן כַּאֲשֶׁר יוּכְלוּן שְׂאֵת, אנפילן אסאך, אבער ביים ערשטן מאל שיקן האט ער דאס נישט געהייסן, נאר וַיְצַו יוֹסֵף וַיְמַלְאוּ אֶת כְּלֵיהֶם בָּר (מ"ב כ"א) אנפילן אביסל תבואה? נאר יוסף איז געגאנגען מיט גרויס חכמה, ער האט געוואלט אז בנימין זאל קומען, און אזוי וועט ער אים איינזעצן ווען מען וועט טרעפן די בעכער ביי בנימין, האט יוסף געהאט א פלאן, ער וועט ווארטן ביז די ברידער קומען צוריק, אבער זיי וועלן דאך חושד זיין יוסף אז ער וועט מאכן א שפיצל נאכאמאל און לייגן געלט אין זייערע פעקלאך און דעריבער ווייל די ברידער זענען שטארק און וועלן פרובירן אנטלויפן צוזאמען מיט בנימין, און יוסף וועט נישט מאכן אז די ברידער זאלן זיך מכניע זיין פאר אים, דעריבער האט ער געהייסן מַלֵּא אֶת אַמְתְּחֹת הָאֲנָשִׁים אֹכֶל כַּאֲשֶׁר יוּכְלוּן שְׂאֵת, און לייגן אסאך תבואה ביי זיי, ממילא וועלן זיי נישט קענען לויפן שנעל מיט אזא שווערע משא, איז גוט וואס יוסף האט אויסגעפירט: הֵם יָצְאוּ אֶת הָעִיר לֹא הִרְחִיקוּ וְיוֹסֵף אָמַר לַאֲשֶׁר עַל בֵּיתוֹ קוּם רְדֹף אַחֲרֵי הָאֲנָשִׁים וְהִשַּׂגְתָּם וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם לָמָּה שִׁלַּמְתֶּם רָעָה תַּחַת טוֹבָה: (מד ד), וואס עס איז א וואונדער ווי אזוי איז יוסף געווען זיכער אז קוּם רְדֹף אַחֲרֵי הָאֲנָשִׁים "וְהִשַּׂגְתָּם"? נאר ווייל די משא איז געווען זייער שווער, וועט ער זיי זיכער כאפן, און אזוי איז געווען די פלאן פון יוסף האט גוט געארבעט. (אמרי שפר הגאון רבי שלמה קלוגר)

**לחנוכה: פארוואס איז חנוכה א יו"ט און פורים נישט?**

שטייט אין גמ' (שבת דף כא ע"ב) **לשנה אחרת קבעום ימים טובים בהלל והודאה**, אז חנוכה האט מען קובע געווען פאר א יו"ט, איז שוועך אז עס שטייט אין גמ' (מגילה דף ה ע"ב) פארוואס איז פורים מותר צו טאן א מלאכה? ווייל מען האט עס נאר מקבל געווען פאר משתה ושמחה, אבער נישט מקבל געווען אויף א יו"ט, איז משמע פון די גמ' אויב מען איז מותר צו טאן א מלאכה איז דאס נישט א יו"ט, אויב אזוי איז שוועך אז חנוכה איז דאך מותר בעשיית מלאכה, איז וואס מיינט **לשנה אחרת קבעום ימים טובים**? נאר מען קען דאס ענטפערן לויט וואס עס שטייט אין די הייליגע ספרים אז יו"ט איז מותר מלאכה ביי אוכל נפש, און דורך די מלאכות, איז מען מקיים שמחת עונג יו"ט און דורך דעם איז מען משפיע פרנסה פאר זיך, אבער ביי חנוכה שטייט (תהלים קיח ל) קֵל ה' וַיָּאֶר לָנוּ און א–ל הוי' איז גימט' ז"ן, און עס שטייט (מדרש פינחס קארעץ אות א און אין בני יששכר כסלו מאמר נ אות טז) אז וַיָּאֶר לָנוּ גייט אויף חנוכה, וואס דורך וַיָּאֶר לָנוּ די הדלקת נרות חנוכה, איז מען ממשיך אויף זיך קֵל ה' גימט' ז"ן, פרנסה טובה, ממילא דארף מען נישט די מלאכת אוכל נפש און עונג יו"ט צו ממשיך זיין פרנסה, קומט אויס אז חנוכה דורך די הלל והודאה ביי די הדלקת הנרות איז מען ממשיך פרנסה אזוי ווי יו"ט מיט עסן פאר עונג יו"ט, וואס צוליב דעם שטייט נישט דער ענין פון מרבה זיין סעודות חנוכה, ממילא איז גוט מדוייק וואס די גמ' זאגט קבעום ימים טובים "בהלל והודאה", אז די יו"ט חנוכה איז מען ממשיך פרנסה צוליב די הלל והודאה ביי הדלקת נר חנוכה, אזוי ווי מען איז ממשיך ביי יו"ט פרנסה מיט עונג יו"ט מיט מאכל ומשתה. (אמרי נועם דזיקוב חנוכה אות מ)

**פארוואס הייסט דאס זאת חנוכה**

די פשוטע פשט פארוואס די לעצטע טאג חנוכה הייסט זאת חנוכה איז וועגן די קריאה דעם טאג פון *"זאת חנוכת המזבח"*, נאר מען קען זאגן א ביאור דאס וואס שטייט (תהלים קי"ח י"ט–כ) פִּתְחוּ לִי שַׁעֲרֵי צֶדֶק אָבֹא בָם אוֹדֶה יָהּ. זֶה הַשַּׁעַר לַה' צַדִּיקִים יָבֹאוּ בוֹ. אז צדיקים וואס מער זיי לערנען תורה און דינען דעם אויבערשטן, איז ביי זיי זֶה הַשַּׁעַר לַה' צַדִּיקִים יָבֹאוּ בוֹ, זענען זיי אלץ מרגיש אז זיי שטיין נאך ביים טויער, און זיי בעטן פִּתְחוּ לִי שַׁעֲרֵי צֶדֶק, עפען מיר דיין טויער, און דאס איז ביי *"זאת חנוכה"*, נאך וואס מען האט זוכה געווען דורך די אור הנרות און אור התורה אין די אכט טעג, און מען האלט שוין אויף א העכערע מדריגה, ערשט דעמאלטס איז מען מרגיש אז דאס איז די צייט אז מען דארף זיך מחנך זיין און באנייען און בעטן פִּתְחוּ לִי שַׁעֲרֵי צֶדֶק, און שטייגן העכער אין תורה און עבודה. (אור פני יהושע הגה"ק מגאלאנטא) דאס איז א מוסר השכל פאר א מענטש צו זען אויב ער האלט אז ער איז אינעווייניג אין טויער און ער האלט אז ער קען שוין לערנען און ער דינט דעם אויבערשטן, איז א סימן אז ער איז נישט אין א הויכע מדריגה, נאר מען דארף שטענדיג פילן אז מען שטייט נאך ביים טויער, און מען דארף שטענדיג בעטן דעם אויבערשטן פִּתְחוּ לִי שַׁעֲרֵי צֶדֶק, עפען מיר דיין טויער, ווייל דאס איז דער שער וואס צַדִּיקִים יָבֹאוּ בוֹ, מען דארף נאך אסאך צוקומען! (שמח זבולון תשפ"ו)

***[ידיעות וועגן פריערדיגע ספרים און מחברים***

וועט ערשיינען נאך חנוכה אי"ה]

## מדור העבודות

## ***** דער הייליגער רבי מנחם מנדל מקאסוב ערליידיגט א ישועה אין שטאט יאס פון שטאט קאסוב *****

עס איז אמאל געקומען צו הרה"צ ר' מנחם מנדל מקאסוב זצוק"ל דער הייליגער אהבת שלום זיינעם א חסיד וואס איז געווען א תלמיד חכם, און איז געווען א ארימאן אבער ער האט געהאט א גאר געראטענעם טאכטער און האט נישט פארמאגט קיין געלט אויף קענען איר חתונה מאכן מיט א בן תורה, ער איז געקומען קיין קאסוב און אויסגעוויינט זיין הארץ פון זיין מצב און ער וויל אז זיין טאכטער די מושלמת זאל נעמען א מאן א תלמיד חכם, אבער עס איז אים נישט מעגלאך צו טראכטן וועגן דעם.

דער אהבת שלום איז געווען א ווייכער און האט נישט געקענט זען די ווייטאג פון זיין חסיד וואס איז געווען א ת"ח, האט גענומען ליינען דעם קוויטל פון חסיד, און נאך א ביסל טראכטן רופט זיך אן דער צדיק, איך האב פאר דיר א עצה, פאר שוין קיין יאס אין ראמעניא און דארטן וועסטו האבן דיין ישועה, דער חסיד האט נישט געטראכט צופיל וואו און ווען אין יאס וועט ער האבן די ישועה, נאר אז דער רבי זאגט אזוי וועט זיין אזוי, אבער דער חסיד האט זיך אנגערופן אז ער האט נישט קיין פאספארט און דאס קען גדויערן א פאר וואכן דאס צו מאכן, ממילא איז נישט מעגלאך שוין צו פארן!

אויב אזוי זאגט דער אהבת שלום צום חסיד ברענג מיר א פאפיר און איך וועל דיר אפשרייבן א בריוו צו אונזער א חסיד וואס וואוינט ביים גרעניץ פון יאס, און מיט דעם בריוו וועט ער דיר שוין אריבערפירן קיין יאס אן א פאספארט און ביים ארויסגיין פון יאס וועסטו נישט דארפן קיין פאספארט, און דער אהבת שלום שרייבט א ווארעמע בריוו צו זיין חסיד און זאגט דעם חסיד פונקט וואו צו גיין און מען געזעגנט זיך און דער רבי ווינטשט אים אן הצלחה.

דער חסיד איז צופרידן און לאזט זיך ארויס צום גרעניץ פון יאס, און טרעפט זיך מיט יענעם חסיד און ער דערלאנגט אים דאס בריוו פון רבין און מען שמועסט וועגן זייער רבין און דער חסיד זאגט אים אז ער זאל מיטקומען מיט אים און אין א פאר מינוט זענען זיי שוין געווען אריבער דעם גרעניץ אין יאס, און דער חסיד דאנקט אים שטארק און מען געזעגנט זיך, אבער דער חסיד איז יעצט אין יאס און ווייסט נישט צו וועמען זיך צו ווענדן, און ער זעהט פון דערווייטענס א יריד, אבער עס איז שוין געווען פארמאכט און אלע סוחרים זענען שוין געגאנגען, דער חסיד שטייט אויף א זייט און בעט דעם אויבערשטן ער זאל אים פירן צום ריכטיגן פלאץ.

עס גייט נישט אריבער א שעה ווען א רייכער וואגן האט זיך אפגעשטעלט לעבן אים און דער רייטער איז געווען אנגעטאן ווי א רייכער פויער, און ער פרעגט דעם חסיד וואו דארף ער גיין? און דער חסיד האט געענטפערט ער ווייסט נישט! האט דער רייכער מענטש אים געגעבן שלום עליכם און האט אנגעפאנגען רעדן אין אידיש און ער בעט דעם חסיד אז ער וויל ער זאל מיטקומען מיט אים צו זיין שטוב ווייל ער וויל אז ער זאל זיין ביי אים, דער חסיד האט זיך ביסל דערשראקן, אבער דעם היימישן אידיש האט באוויזן אז דאס איז נישט קיין סכנה און ער גייט ארויף אויפן וואגן און ער קומט אן אין א שיינע פאלאץ.

דארטן בעט אים דער גביר זיך אוועק צו זעצן און עפעס עסן, ביים טיש פרעגט דער גביר וואס זוכט ער אין יאס? האט ער דערציילט אז דער קאסובער רבי האט מיר דא געשיקט קיין יאס אבער וואו און ווען ווייס איך נישט, רופט זיך אן דער גביר, אז דיין רבי האט דיר געשיקט אין די ריכטיגע פלאץ און דא וועסטו באקומען אלעם וואס דו דארפסט! און דער גביר דערציילט אז מיט יארן צוריק איז אנגעקומען דיין רבי קיין יאס און אזוי ווי איך האב נישט זוכה געווען צו קיין קינדער בין איך אריין צו אים און ער האט מיר צוגעזאגט א קינד יענעם יאר, און איך האב געזאגט דעם רבין אז אויב איך וועל געהאלפן ווערן וועל איך אים געבן וויפיל געלט ער וועט מיר בעטן!

דעם רבינס ברכה איז מקויים געווארן און איך דארף האלטן ווארט, און איך ווארט א לענגערע צייט אז דער קאסובער רבי זאל שוין קומען קיין יאס ווייל איך מוז מקיים זיין מיין נדר, אבער ער איז נאך נישט געקומען, אבער צו מיין וואונדער איז אין די נאכט געקומען צו מיר אין חלום דער רבי און זאגט מיר אז היות ווי מיין חסיד וואס זעהט אוים אזוי און אזוי קומט אן קיין יאס מארגן, און דו האסט מיר צוגעזאגט אויב דו וועסט געהאלפן ווערן מיט א קינד וועסטו מיר געבן געלט וויפיל איך בעט, און דו ביזט געהאלפן געווארן, דעריבער זאלסטו אים אפזוכן אין יריד און געבן וויפיל ער פארלאנגט, און דאס וועט זיין ביי מיר גערעכנט ווי דו האסט מיר דאס געגעבן.

דאס האט מיר באנומען אז דער רבי האט געוואוסט מיט רוח הקודש אז איך בין געהאלפן געווארן מוז דאס זיין א אמתע חלום און איך האב זיך ארויסגעלאזט דיר זוכן אין יריד און איך האב דיר גלייך באמערקט, און יעצט וויל איך מקיים זיין מיין נדר, דעריבער מאך א חשבון וויפיל דו דארפסט האבן בריוות, פאר די חתונה און די נדן, און דער חסיד האט געמאכט א חשבון און דער גביר האט אים געגעבן די גאנצע סכום און נאך צוגעלייגט אויף צו לעבן, און דער חסיד האט זייער באדאנקט דעם גביר און געווען פריילאך אז די רייד פון רבין איז מקויים געווארן, און דער גביר האט געהייסן דעם חסיד גיין צום רבין און איבערגעבן אז ער האט מקיים געווען זיין נדר.

דער חסיד איז אהיים א גליקליכער און גלייך געפארן קיין קאסוב איבערגעבן די גוטע נייעס און דער רבי האט אים געוואונטשן ער זאל טרעפן א ת"ח פאר א חתן, און טאקע מיט די געלט האט דער חסיד געהאט גענוג אויף א חשובע נדן און אנדערע הוצאות, אלעם אין זכות פון צדיק וואס האט דאס ערליידיגט אין ווייטן יאס פון שטאט קאסוב, נלב"ע י"ז חשון תקפ"ו, זיע"א.

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

מכתב המנחת אלעזר להנגיד אליעזר באללאג לעזרו עם חתונת בתו עם ברכתו $8000 דולר שבירך האדמו"ר מטאש $2000 מכתב ארוך שנת תש"ז מאגודת ישראל ארה"ב מבקשים עזרה מאגודת ישראל לונדון עזרה חותמים אדמו"ר מבלאזוב, ר' אלי מאיר בלאך, ר' שמעון שוואב, אלימלך טרעס ור' הענדעלס $3800 סידור כוונת הרש"ש של אדמו"ר מהוסיאטין $18000 סידור של האדמו"ר מטאש זצ"ל עם הזכרות $15000 תהלים צפת תקצ"ג זעלטן $25000 מכתב מהרה"ק הוסיאטין מתחנן להריי"צ מליובאוויטש תש"א לעזור להציל קרוביו $5000, סעט חומש עם אור החיים זיטאמיר $18000 טור אבהע"ז וחו"מ זיטאמיר $600 זוהר ויקרא סלאוויטא חסרכמה דפים $3000 ירושלמי דפוס זיטאמיר מצב מפואר כריכת עור מסאטמאר נייר לבן, $3500 שו"ע יו"ד ח"ב וחו"מ ח"א סלאוויטא $6000 ספר אמרי יהודה מהגה"ק מסעקלעהיד עם ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה בנו של הגאון רב נתנאל בעל פני מבין $2500 מהר"ם שיק עם חתימת וחותמת הגאון ר' אליעזר צוקער מבערגסאז עם ב' הגהות ממנו $3000 ספר מטה משה ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה עם הגה $2500 14 גמרות זיטאמיר ריגאל עם הג' בבות יבמות גיטין ועוד רובם מצבים מצויינים $30000 מכתב הגאון ר' יונתן שטייף תש"א מבקש מר' יעקב רוזנהיים להצילו $1800 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $8500 קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, ספר שיטה מקובצת עם הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 חומש תורה תמימה ד' חלקים הקדשות ארוכות של האדמו"ר בעל אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 חיי אדם זיטאמיר $800 אדמו"ר מלכות בית טשערנאביל $400 ספר צדקת יוסף עם הקדשת הרבי מפיטסבורג הר"ר מרדכי זצ"ל $500 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעבנאוו $3500 To receive the pardes: 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30,

pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website *www.seforimworld.com.*

*WE sell old USA coins and supplies albums coin holders also silver coins for Pideon Haben*